LDSS-4148C-YI (Rev.

# דריטע ביכל

## וואס צו וויסן ווען איר האט אן עמערדזשענסי

פראגעס און ענטפערס

אויב איר זענט בלינד אדער די אויגן זענען שטארק אפגעשוואכט און איר דארפט אן אפליקאציע אדער אנווייזונגען אויף אן אנדערע אופן, קענט איר עס פארלאנגען פון אייער סאשעל סערוויסעס דיסטריקט. ען קען עס באקומען אויף די פאלגענדע אנדערע אופנים:

- פארגרעסערטע אותיות;
- דיזשיטל פייל (עלאקטראנישע פייל וואס קען געליינט ווערן אויף א סקרין-רידער);
- צום אויסהערן (די אנווייזונגען אדער די אפליקאציע זענען פארגעזאגט צום אויסהערן); און
- ברעילי, אויב די אנדערע אופנים העלפן אייך נישט.

מען קען אויך דאונלאוידן די אפליקאציע אדער אנווייזונגען אויף די אנדערע אופנים _ גרויסע אותיות, דיזשיטל, און צום הערן - פון www.otda.ny.gov אדער www.health.ny.gov. די ברעילי און פארגעזאגטע פארמאטן ווערן צוגעשטעלט בלויז פאר אינפארמאטיווע צוועקן. די אנדערע אופנים קענען נישט גענוצט ווערן אלץ עמטליכע אפליקאציע. מען מוז נוצן די געהעריגע אפליקאציע זיך איינצושרייבן.

---

זעה אויך דאס

**ערשטע ביכל (LDSS-4148A)**

"וואס איר דארפט וויסן איבער אייערע רעכטן און אחריות"

און דאס

**צווייטע ביכל (LDSS-4148B)**

"וואס איר דארפט וויסן איבער די סאשעל סערוויסעס פראגראמען"

---

**לייג אוועק דעם ביכל פאר שפעטערדיגע באנוץ**

# עמערדזשענסיס

אויב די עמערדזשענסי ערלויבט, זאלט איר צום אלעם ערשטן זיך דורכשמועסן מיט אן ארבעטער. רעדט אייך דורך מיט אן ארבעטער נאכדעם וואס איר האט באהאנדלט דעם עמערדזשענסי, און\אדער אויב די אנדערע עצות אין דעם ביכל העלפן אייך נישט מיט אייער עמערדזשענסי.

פ. וואס מיינט אן עמערדזשענסי?

**ע.** אן עמערדזשענסי איז ווען איר מוזט עפעס האבן שוין באלד, אדער א צושטאנד וואס מען מוז זאפארט באהאנדלען. עטליכע ביישפילן פון אן עמערדזשענסי זענען:

- איר זענט היימלאז.
- איר האט ווייניג אדער גארנישט צו עסן.
- איר האט געזונטהייטס פראבלעמען און איר קענט נישט באצאלן פאר די מעדיצינישע באהאנדלונגען וואס איר ברויכט.
- אייער לענדלארד האט אייך לעגאל מודיע געווען אז ער ווארפט אייך ארויס פון די דירה ווי איר וואוינט, אדער ער האט אייך געזאגט אז איר מוזט זיך זאפארט ארויסציען פונעם דירה איבער די קומענדיגע פאר טעג.
- איר האט נישט קיין אויל פאר הייצונג דורכאויס די תקופה פון קאלטע וועטער.
- אייערע יוטיליטיס זענען אפגעהאקט געווארן אדער זיי האלטן אט ביים ווערן אפגעהאקט אדער איר האט באקומען א הודעה איבער אפהאקן.
- איר אדער איינער אין אייער משפחה אדער הויזגעזינד איז אויסגעשטעלט אדער געסטראשעט געווארן צו פיזישע, מיאוס'ע, אדער גייסטישע אביוז, אדער אויב אזאנס איז ווירקליך באגאנגען געווארן דורך א מיטגליד פון די פאמיליע אדער הויזגעזינד.
- איר האט ווייניג אדער בכלל נישט קיין פרנסה, ווייניג אדער בכלל נישט פון ווי זיך צו באזארגן.
- איר פארדינט ווייניגער ווי די סכום פון אייער דירה-געלט אדער מארטגעדזש אין צוגאב צו הייצונג, יוטיליטיס און טעלעפאן.

**מיר מוזן אייך געבן אן אינטערוויו דעם זעלבן טאג וואס איר בעט אונז פאר צייטווייליגע הילף, אדער דורך אן אנדערע וועג אדרעסירן אייער עמערדזשענסי געברויך בו ביום. מיר מוזן אייך אויך דעם זעלבן טאג מודיע זיין שריפטלעך איבער אונזער באשלוס וועגן אייער עמערדזשענסי. אויב איר שרייבט אייך אויף פאר פוד-סטעמפס בענעפיטן, און איר זענט בארעכטיגט צו א דין קדימה, דאן וועלן מיר אפהאלטן דעם אינטערוויו מיט אייך און ווי אויך אייך מודיע זיין איבער אונזער החלטה נישט שפעטער פון 5 טעג נאכדעם וואס איר האט אריינגעגעבן אייער אפליקאציע.**

**אויב איר האט ווייניג אדער בכלל נישט קיין עסן, אדער איר האט נישט גענוג געלט איינצוקויפן עסנווארג, דאן שרייבט אייך דרינגענד איין פאר פוד-סטעמפס.**

פ. וויאזוי שרייב איך מיך אויף פאר צייטווייליגע עמערדזשענסי הילף?

**ע.** אויב איר **באקומט שוין** צייטווייליגע הילף און עס מאכט זיך אן עמערדזשענסי, זאגט דאס פאר אן ארבעטער **שוין באלד**.

אויב איר **באקומט נישט** צייטווייליגע הילף, שרייבט אויס אן אפליקאציע און זאגט פאר אן ארבעטער אז איר האט אן עמערדזשענסי. איר האט די רעכט צו אן אינטערוויו איבער אייער עמערדזשענסי בו ביום.

איר מוזט קאאפערירן מיט א ארבעטער צו געוואויר ווערן אויב מען קען אייך דרינגענד העלפן אין אייער עמערדזשענסי. דער ארבעטער וועט מוזן אויסגעפונען די פרטים פון אייער ענערדזשענסי. אן ארבעטער וועט אייך זאגן וואספארא אינפארמאציע איר דארפט צושטעלן כדי צו באקומען הילף פאר אייער עמערדזשענסי. למשל, אויב איר זאגט אז איר האט באקומען א הודעה צו פארלאזן אייער דירה, וועט דער ארבעטער אייך בעטן צו צייגן די הודעה.

איר וועט געבעטן ווערן אויפצווייזן די אידענטיטעט פון זיך און פון די גאנצע משפחה. איר וועט מעגליך אויך דארפן אויפווייזן אז איר מיט אייער פאמיליע זענען בארעכטיגט צו ווילן אין לאנד.
דער ארבעטער וועט אויך וועלן וויסן אויב איר האט אנדערע פארדינסטן אדער מיטלען פון ווי צו נעמען, ווי למשל באנק אקאוינטס אדער אנדערע הילף וואס איז צו אייער באנוץ, וועלכע קען גענוצט ווערן אייך צו העלפן אין דעם עמערדזשענסי.

אויב איר קענט נישט באקומען די אינפארמאציע אדער באווייזן דערויף, דאן מוז אן ארבעטער פרובירן אייך צו העלפן באקומען די אינפארמאציע.

אויב אייער פארלאנג פאר הילף פאר אייער עמערדזשענסי ווערט באשטעטיגט, וועט איר ערהאלטן א הודעה איבער וואסארא סארט, וויפיהל, און ווען איר וועט באקומען די הילף.

פ. וועט די צייטווייליגע עמערדזשענסי הילף אויך העלפן איינקויפן עסן?

ע. צייטווייליגע הילף וועט צושטעלן אן עמערדזשענסי מתנה כדי צו קענען נאכקומען די געברויך פאר עסנווארג, אבער נאר אויב איר האט נישט קיין אנדערע מיטלן (צום ביישפיל א בית התבשיל, אדער פארשנעלערטע פוד סטעמפס) פון ווי צו דעקן די עמערדשזענסי געברויך.

פ. וויאזוי וועל איך וויסן אויב איך בין באשטעטיגט פאר צייטווייליגע עמערדזשענסי הילף און\אדער פוד-סטעמפס בענעפיטן?

**ע.** מיר מוזן אייך געשריבענערהייט מודיע זיין אונזער באשלוס וועגן אייער עמערדזשענסי שוין דעם זעלבן טאג וואס איר לאזט אונז וויסן דערוועגן. אויב איר געבט איין א פארלאנג פאר פוד-סטעמפס בענעפיטן, און איר זענט בארעכטיגט פאר א דין קדימה, דאן וועט יענע אינטערוויו און די הודעה איבער אונזער באשלוס פארקומען נישט שפעטער ווי 5 טעג נאכדעם וואס איר געבט אריין אייער אפליקאציע.

**פ. קען איך באקומען פוד-סטעמפס בענעפיטן באלד אויפ'ן פלאץ?**

**ע.** יא, עס איז מעגליך אז איר זאלט שוין באקומען די פוד-סטעמפס בענעפיטן ביז פונעף טעג **נאכדעם וואס איר געבט אריין** אייער אפליקאציע. דאס ווערט אנגערופן **דין קדימה פאר פוד-סטעמפס בענעפיטן**.

עס איז מעגליך אז איר זאלט באקומען **א פארשנעלערטע באשטעטיגונג**, אויב איר זענט בארעכטיגט פאר פוד-סטעמפס בענעפיטן און;

- אייער הויזגעזונד האט וויניגער פון $100 אין קעש אדער אין אנדערע מעגליכקייטן **און** וועט האבן וויניגער פון $150 אין כלליות'דיגע הכנסה דורכאויס דער חודש אין וועלכע איר שרייבט אייך איין; **אדער**
- אייער פארדינסטן און מעגליכקייטן, צום ביישפיל נוצליכע קעש, באנק-אקאוינטס, סעיווינגס סערטיפיקעטס, איינמאליגע באצאלונגען, זענען וויניגער ווי אייער דירה-געלט אדער מארטגעדזש און צוגאב צו הייצונג, יוטיליטיס און טעלעפאן; **אדער**
- איר זענט אן אימיגראנט אדער א צייטווייליגע פעלד ארבעטער מיט נישט מער פון $100 אין קעש, און דאס איינציגע מקור פרנסה פאר'ן חודש פונעם אפליקאציע איז 1) בטל געווארן נאך איידער איר האט איינגעגעבן די אפליקאציע, אדער 2) איז ניי, און נישט מער פון $25 אין כלליות'דיגע פארדינסטן וועט ערהאלטן ווערן דורכאויס די צען טעג פון ווען איר האט איינגעגעבן אן אפליקאציע פאר פוד-סטעמפס.

| |
|---|
| **באמערקט:** איר מוזט נישט זיין געצליך אן קיין עסן כדי צו באקומען א פארשנעלערטע באשטעטיגונג פאר פוד-סטעמפס בענעפיטן. |

פ. וואס איז אויב איך בין היימלאז אדער איך שטיי אויס צו ווערן היימלאז?

**ע.** עס איז מעגליך אז איר זאלט באקומען הילף:

- צו פארבלייבן אין אייער יעצטיגע היים.
- צו באצאלן פאר אייך און פאר אייער משפחה איינצושטיין ביי איינעם, חוץ אויב יענער איז א **" לעגאלע פאראנטווארטליכע קרוב"**. א

  **לעגאלע פאראנטווארטליכע קרוב** איז א מאן אדער א ווייב, אדער, אויב זענט איר אונטער 21, די עלטערן.
- צו ארלעדיגן פאר אייך און פאר אייער פאמיליע צו איינשטיין צייטווייליג אין א האטעל אדער אין א מאטעל, אויב ס'איז נישטא קיין שום אנדערע פאסיגע פלאץ צו וואוינען.

- צו באצאלן פאר א רעסטעראנט קרעדיט ווען איר און אייער פאמיליע האבן נישט ווי צו קאכן עסן, און מאלצייטן ווערן נישט צוגעשטעלט פאר אייך דארט ווי איר שטייט איין.

- צו ארלעדיגן א אפגעהיטענע ארט איינצושטיין אויב איר אדער איינער אין אייער פאמיליע אדער הויזגעזונד, נישט קיין חילוק אויב איר זענט יא אדער נישט געזעצליך אין די פאראייניגטע שטאטן, איז געווארן אויסגעשטעלט אדער געסטראשעט געווארן מיט פיזישע, מיאוס'ע, אדער גייסטישע אביוז, און דאס איז דורכגעפירט געווארן דורך א פאמיליע מיטגליד אדער א מיטגליד פון די הויזגעזונד, אדער א יעצטיגע אדער געוועזענע מאן אדער ווייב.
- צו באצאלן פאר'ן אוועקלייגן אייער מעבל און אנדערע פערזענליגע חפיצים וואס באלאנגט צו אייך, ווען איר ווערט ארויסגעשטעלט פון אייער דירה אדער איר מוזט אייך ארויסציען.
- צו באצאלן פאר די קאסטן פון מופען, אויסלייגן די רענט סעקיוריטי דעפאזיט אדער פאר די קאנטראקט, אדער פאר דער פארמיטלער אדער דער וואס האט אייך געטראפן די דירה.
- צו באצאלן פאר שטוב-חפיצים וואס מען ברויך אויף אויסצושטאפירן א היים.
- צו באצאלן פאר טראנספארטאציע צו פירן אייערע קינדער צו און פון שולע דורכאויס די צייט וואס אייער משפחה וואוינט אין אן עמערדזשענסי-צוגעשטעלטע וואוינונג.
- צו באצאלן פאר די מופען קאסטן ווען איר ציט זיך אריבער צו אן עמערדזשענסי דירה אדער פון איין עמערדשזענסי דירה צו א צווייטע.

פ. וואס איז אויב איך ברויך עמערדזשענסי הייצונג אדער יוטיליטיס?

ע. אויב איר זענט אויסגעלאפן פון הייצונג אויל אדער אויב אייער אויל זאפאס באטרעפט גענוי אדער ווייניגער פון א פערטל פון אייער הויזגעזינד'ס אויל טאנק (פאר אויל, קעראסין, און פראפעין) אדער איר האט נישט גענוג הייצונג מאטריאל פאר גאנצע 10 טעג (פאר האלץ אדער קוילן) אדער אייערע יוטיליטיס זענען אפגעהאקט געווארן אדער האלטן ביים ווערן אפגעהאקט, קענט איר מעגליך באקומען הילף.

- אויב איר **באקומט שוין יא** צייטווייליגע הילף און איר האט א הייצונג אדער יוטיליטי עמערדזשענסי, רעדט צו אן ארבעטער.
- אויב איר **באקומט נאכנישט** צייטווייליגע הילף, רופט אייער לאקאלע אפטיילונג פאר סאשעל סערוויסעס. זיי וועלן אייך מעגליך שיקן צו אייער לאקאלע "היעפ" (היים ענערגיע הילפס פראגראם) אפיס. אויב איר וואוינט אין ניו יארק סיטי, רופט אדער באזוכט אייער לאקאלע ארבעטס אגענטור. זיי וועלן אייך מעגליך שיקן צו די קאמיוניטי דעוועלאפמענט אגענטור'ס "היעפ" (היים ענערגיע הילפס פראגראם) אפיס.
- אויב איר זענט נישט זיכער פון ווי צו באקומען הילף פאר אייער הייצונג אדער יוטיליטי עמערדזשענסי, רופט בחינם, **1-800-342-3009.**

**פ. וואס איז אויב איך האב א מעדיקל עמערדזשענסי?**

ע. דאס געזעץ אין ניו יארק סטעיט פארלאנגט פון שפיטעלער צו צישטעלן פאר אייך עמערדזשענסי באהאנדלונג, אפילו אויב איר קענט נישט באצאלן דערפאר. אויב איר האט א מעדיקל עמערדזשענסי, זאלט איר אומבאדינגט אפירזוכן באלדיגע מעדיקל באהאנדלונג דורך רופן 911.

דאס געזעץ אין ניו יארק סטעיט פארלאנגט מעגליך אויך פון שפיטעלער צו צישטעלן פאר אייך נישט-עמערדזשענסי באהאנדלונג וואס איר דארפט מעגליך האבן, אויב אייער פארדינסטן זענען אונטער א געוויסע סומע. דאס געזעץ צוימט איין וואס שפיטעלער מעגן אייך רעכענען פאר די באהאנדלונג.

אויב זענט איר קראנק און איר דארפט שוין באלד האבן מעדיקל באהאנדלונג, און כאטש וואס איר האט זיך שוין איינגעשריבן האט איר אבער נאכנישט באקומען די בענעפיטס אינדענטיפיקאציע קארטל ((CBIC, זאלט איר צעוויסן טון אייער דאקטאר אז איר האט א בעפארשטייענדע אפליקאציע פאר מעדיקעיד.

מעדיקעיד וועט מעגליך קענען באצאלן פאר מעדיצינישע קאסטן פאר באהאנדלונגען וואס איר האט באקומען ביז דריי מאנאטן איידער איר האט זיך איינגעשריבן פאר מעדיקעיד. געדענקט צו זאגן פאר אן ארבעטער אויב איר האט באצאלטע אדער אומבאצאלטע מעדיצינישע בילס.

אויב זענט איר א אומדאקומענטירטע אויסלענדישע, אדער א צייטווייליגע נישט-אימיגראנט, קענט איר מעגליך זיין בארעכטיגט פאר מעדיקעיד צו העלפן מיט אייערע מעדיקל באהאנדלונג אויב איר זענט מעוברת אדער איר ברויכט באהאנדלען א עמערדזשענסי געזונטהייטס פראבלעם.

אויב איר ברויכט עמערדזשענסי באהאנדלונג בשעת ווען איר פארט אין אן אנדערע סטעיט, איז מעגליך אז מעדיקעיד וועט באצאלן פאר מעדיקל באהאנדלונג וואס איר באקומט אויסער די סטעיט, אבער **נאר אויב** דער דאקטאר, דער אנשטאלט, אדער דער פערזאן וועלכע שטעלט צו די באהאנדלונג איז איינגעשריבן אין דער ניו יארק סטעיט מעדיקעיד פראגראם.

פ. וואס איז אויב עס פארלאנגט זיך עמערדזשענסי באדינונגען צו אפהיטן ערוואקסענע, קינדער, אדער אנדערע פאמיליע מיטגלידער?

**ע.** נאכפאלגענד איז א טייל פון די סערוויסעס וואס איר קענט באקומען צו העלפן מיט אייער עמערדזשענסי. עס איז נישטא קיין פארדינסטן לימיט כדי צו באקומען די דאזיגע סערוויסעס.

אויב איר וואוינט **אינדרויסן** פון ניו יארק סיטי, קען אייער לאקאלע אפטיילונג פאר סאשעל סערוויס אייך מעגליך העלפן, אין צוגאב צו די הילף וואס איר קענט באקומען דורך רופן די נומערן וואס זענען ווייטער אויסגערעכנט.

אויב איר וואוינט **אין** ניו יארק סיטי, רופט אדער באזוכט אייער לאקאלע דזשאבס אגענטור אדער זוכט אויף דער יומען ריסאורסעס אדמיניסטראציע (HRA) אדער די אדמיניסטראציע פאר קינדער סערוויסעס (ACS) אין די גאווערנמענט בלעטער פון די ניו יארק טעלעפאן ביכל פאר אייער געגענט. רופט דעם נאמבער אנגעצייכענט פאר די סארט הילף וואס איר ברויכט. איר קענט אויך באקומען הילף דורך רופן די נאמבערס אנגעצייכענט ווייטער.

כאטש עס זענען נישט פאראן קיין פארדינסטן לימיט אויף צו באקומען סערוויסעס פאר געוואלדטאטן וועלכע קומען פאר אינדערהיים, איז אבער מעגליך אז פאמיליעס אדער יחידים וועלכע זענען אין א געברויך פאר שוץ פון געוואלדטאטן וועלכע קומען פאר אינדערהיים וועלן פארלאנגט ווערן צו זיך באטייליגן מיט די קאסטן פון די שוץ, געוואנדן אין זייערע פערזענליכע פארדינסטן און יכולת.

- קינדער שוץ - סערוויסעס פאר קינדער אונטער די 18 יאר אלט וועלכע ווערן אביוזט אדער אומריכטיג באהאנדלט, און פאר זייערע פאמיליעס.

אויב איר האט א געהעריגע גרונד צו פארדאכטן אז א קינד איז אביוזט געווארן אדער אומריכטיג באהאנדלט געווארן, רופט די צענטראלע סטעיט אגענטור פאר קינדער אביוז און אומהאנדלונג, בחינם, צו **1-800-342-3720**. אויב עס קומט אריין א מסירה, וועט א אויספארשונג אונטערגענומען ווערן, און מיר וועלן אנבאטן סערוויסעס פאר די פאמיליע צו באשוצן די קינד(ער) לפי הענין.

עס איז אויך ריכטיג צו רופן די צענטראלע סטעיט אגענטור פאר קינדער אביוז אדער אומהאנדלונג אויב איר זענט חושד מעגליכע אביוז אדער נאכלאזיגקייט וואס האט מעגליך פאסירט אין א טשיילדקעיר איינריכטונג ביי איינעם אינדערהיים. איר קענט רופן בחינם צו **1-800-342-3720** צו איבערשמועסן אייערע פארדאכטן. ווען מיר באקומען א מסירה, וועט אן אויספארשונג אונטערגענומען ווערן אויף די טשיילדקעיר איינריכטונג ביי איינעם אינדערהיים.

אויב איר זענט אין מאנראו קאונטי (ראטשעסטער און די אומגעגנט) אדער אין אנאנדאגא קאונטי (סירעקיוז און די אומגעגנט) איז אנשטאטס דעם דא א ספעציעלע נאמבער וואס איר קענט רופן אויב איר האט חשדות איבער קינדער אביוז אדער אומהאנדלונג אין א פאמיליע אדער אין א טשיילדקעיר איינריכטונג ביי איינעם אינדערהיים. עס איז **461-5690** אין מאנראו קאונטי און **422-9701** אין אנאנדאגא קאונטי.

אויב איר זענט מעוברת אדער איר האט א ניי-געבוירן קינד וועלכע איז אלט 5 טעג אדער ווייניגער, און איר פילט אז איר קענט זיך נישט אפגעבן מיט אייער קינד, זאלט איר אומבאדינגט זיך דורכשמועסן מיט אן ארבעטער. אויב, פאר סיי וועלכע סיבה, קענט איר נישט רעדן מיט אן ארבעטער, אדער אויב איר פילט נאכאלטס אז איר קענט זיך נישט אפגעבן מיט אייער קינד, כדי צו טרעפן א וועג וויאזוי צו אפהיטן סיי אייך און סיי אייער קינד, רופט די פארלאזטע קינדער שיצונג אינפארמאציע און אנווייזונג האטליין, בחינם, צו SAFE-1-866-505 (**1-866-505-7233**).

- **פריוועטיוו (מונע צו זיין) סערוויסעס פאר קינדער און פאמיליעס** – סערוויסעס געגעבן פאר קינדער און פאמיליעס זיי צו האלטן צוזאמען און פארזיכערט, און צו פארמיידן דאס פלאצירונג אין פאסטער-קעיר, אדער זיכערעהייט צוריק אפצוגעבן די קינדער פון

פאסטער-קעיר אזוי שנעל ווי מעגליך. א טייל פון די מעגליכע פריוועטיוו סערוויסעס פאר קינדער און פאמיליעס זענען קעש פאר א עמערדזשענסי, ווארע, וואוינונג און אנדערע וויכטיגע חפיצים. רעד צו אן ארבעטער איבער דעם.

- **פריוועטיוו סערוויסעס פאר ערוואקסענע** - סערוויסעס געגעבן פאר מענטשן פון 18 יאר אלט אדער עלטער וועלכע זענען פיזיש אדער גייסטיש באגרעניצט, זענען געשעדיגט געווארן אדער זענען אין א ריזיקע פון ווערן געשעדיגט, קענען זיך נישט אליינס באשיצן, און האבן נישט קיינעם וואס קען אדער וויל זיי העלפן.

אריינצוגעבן אן אנווייזונג אדער א מסירה איבער א פארדאכט פון אביוז קעגן אן ערוואקסענע, פארנאכלעסיגקייט אדער אומבארעכטיגטע אויסנוץ, ביטע רופט גראד אייער לאקאלע PSA אפטיילונג (סערוויסעס צו באשיצן אן ערוואקסענע) אין אייער לאקאלע אפטיילונג פאר סאשעל סערוויסעס. איר קענט רופן בחינם **1-800-342-3009** (דרוקט די 6'טע אפציע) צו באקומען די טעלעפאן נאמבער אנצוקומען צו אייער לאקאלע PSA אפטיילונג.

- היימליכע געוואלדטאטן **פיזישע אדער עמאציאנאלע אביוז אדער סטראשע פון אביוז** - סערוויסעס געגעבן צו פאמיליע אדער אנדערע הויזגעזינד מיטגלידער, מיט אדער אן קינדער, זיי צו העלפן מיט פראבלעמען פון פיזישע אדער עמאציאנאלע אביוז, אדער די סטראשע פון פיזישע אדער עמאציאנאלע אביוז. כאטש וואס עס איז נישט פאראן קיין פארדינסט לימיט אויף צו באקומען סערוויסעס פאר היימליכע געוואלדטאטן, קענען פאמיליעס און יחידים וועלכע זענען אין נויט פאר שוץ פון היימליכע געוואלדטאטן פארלאנגט ווערן זיך צו באטייליגן מיט די קאסטן פון שוץ, געוואנדן אין זייערע פערזענליכע פארדינסטן און יכולת.

איר קענט רופן דער 24-שעה'דיגע האטליין פאר אינפארמאציע איבער שוץ אין א עמערדזשענסי, זעלבסט-הילף גרופעס, און זיך מייעץ זיין. די סערוויסעס וועלן העלפן האלטן אייך און אייערע קינדער באשיצט. צו באקומען אינפארמאציע און אנווייזונגען איבער אייער לאקאלע צושטעלער פון היימליכע געוואלדטאטן סערוויסעס קענט איר רופן די פאלגענדע נאמבערס, בחינם, 24 שעה א טאג:

**אין ניו יארק סיטי** רופט **HOPE (1-800-621-4673(.-1-800-621**

**אין סיי וועלכע אנדערע געגענט אין ניו יארק סטעיט** רופט דער NYS היימליכע האטליין 1-800-942-6906 (**שפאניש רעדנדע** רופט **1-800-942-6908**).

א קעיס-ארבעטער פון די סערוויסעס קען אויך מסדר זיין פאר אייך צו באקומען די אינפארמאציע.

**פ.** **וואס איז אויב איך נויטיג מיך אין טשיילדקעיר צוליב אן עמערדזשענסי?**

עס איז דא **א מעגליכקייט** פאר עלטערן אדער ערציער צו באקומען טשיילדקעיר, אויב די פאמיליע איז אויף צייטווייליגע הילף אדער האט פארדינסטן אין די ערלויבטע לימיט, איז אין א קורץ-טערמין עמערדזשענסי צושטאנד, צום ביישפיל א צושטאנד ווי די עלטערן\ערציער זענען אפוועזנד פינדערהיים פאר א גרויסע טייל פונעם טאג צוליב אזאנע צושטענדן ווי א פייער, אדער ווייל זיי זוכן א דירה, אדער כדי צו זארגן פאר די היים ווירטשאפט פון אן עלטערע אדער אומפעאיגע קרוב. דאס ווענדט זיך אויף אויב דער לאקאלע אפטיילונג פאר סאשעל סערוויסעס האט גענוג געלט צו דער האנט. פרעג פון אן ארבעטער אויב אייער לאקאלע אפטיילונג פאר סאשעל סערוויסעס באצאלט פאר טשיילדקעיר הילף אין אזעלכע אומשטענדן.

אויב וואוינט איר **אינדרויסן** פון ניו יארק סיטי, רופט אדער באזוכט אייער לאקאלע אפטיילונג פאר סאשעל סערוויסעס. אויב איר וואוינט **אין** ניו יארק סיטי, רופט אדער באזוכט אייער לאקאלע דשאבס אגענטור אדער זוכט פאר די HRA (יומען ריסארסעס אדמיניסטראציע) אדער די ACS (אדמיניסטראציע פאר קינדער סערוויסעס) אנגעצייכנט אין די גאווערנמענט בלעטער פון די ניו יארק סיטי טעלעפאן ביכל פאר דער בארא ווי איר וואוינט. רופט דעם נאמבער אנגעצייכענט פאר די סארט הילף וואס איר ברויכט.

**פ.** **קען איך באקומען הילף צו קאמיוניקירן אויב איך האב א באגרעניצונג ווען איך בעט פאר עמערדזשענסי הילף?**

**ע.** יא. אייביג, אריינגערעכנט אבער נישט בלויז אין אן עמערדזשענסי, מוז אייער לאקאלע אפטיילונג פאר סאשעל סערוויסעס צושטעלן די נויטיגע צוגאב-הילף און\אדער סערוויסעס, וועלכע רעכענען מעגליך אריין אבער נישט בלויז דאלמעטשערס, צו פארלייכטערן דאס קאמיוניקירן מיט מענטשן וועלכע זענען באגרעניצט, אויף אן אופן וואס ערגענצט אז עס זאל ווערן פונקט אזוי גרינג ווי דאס קאמיוניקירן מיט מענטשן וועלכע האבן נישט קיין באגרעניצונג. ווען א דאלמעטשער ווערט צוגעשטעלט דורך דער לאקאלע אפטיילונג פאר סאשעל סערוויסעס, קענסטו נישט געבעטן ווערן אדער ווערן פארלאנגט צו באצאלן פאר דער דאלמעטשער.

**פ.** **איך ברענגען א קרוב אדער א פריינט צו צושטעלן דאלמעטשער הילף?**

**ע.** יא. עס איז מעגליך אז אייער לאקאלע אפטיילונג פאר סאשעל סערוויסעס ערלויבט פאר מענטשן וואס זענען טויב אדער האבן א שמיעה באגרעניצונג אדער א דיבור שוואכקייט צו נוצן א קרוב אדער א פריינט ארויסצוהעלפן מיט'ן פארשטיין וואס מ'רעדט, אבער זיי טארן נישט פארלאנגען פון דער וואס בעט\באקומט הילף צו ברענגען זייער אייגענע דאלמעטשער.

**פ.** **אויב איך האב א באגרעניצונג, און מיין אפאונטמענט איז אפגעשטופט געווארן צוליב וואס מען קען זיך נשט געהעריג צושטעלן צום טאג וואס איך בעט פאר עמערדזשענסי הילף, קען איך פארט נאכאלטס באקומען עמערדזשענסי סערוויסעס?**

**ע.** יא, אייער לאקאלע דעפארטמענט אוו סאשעל סערוויסעס מוז זיך אויך אפגעבן מיט די עמערדזשענסי און באלדיגע באדערפענישען פון באגרעניצטע מענטשן.

פ. וואס געשעהט אויב מיין פארלאנג פאר עמערדזשענסי צייטווייליגע הילף ווערט אפגעזאגט?

**ע.** אויב אן ארבעטער באשטימט אז אייער צושטאנד איז נישט אן עמערדזשענסי און אז איר קענט נישט באקומען די הילף פאר אייער עמערדזשענסי, וועט איר געגעבן ווערן א געשריבענעם הודעה בו ביום וואס וועט אייך דאס אינפארמירן, ווי אויך די סיבה דערצו. די הודעה מיינט בלויז אז אייער פארלאנג פאר **הילף צו נאכקומען אייער עמערדזשענסי** איז געווארן אפגעזאגט. אויב איר פילט אז אייער פארלאנג פאר הילף פאר אייער עמערדזשענסי האט נישט געזאלט ווערן אפגעזאגט, מעגט איר פארלאנגען א מיטינג מיט די אינסטאנצן אדער א עמערדזשענסי פעיר הירינג.